# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**7:57**
מוצאי שב"ק....................**9:23**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................יחזקאל ל"ו-ל"ז
בבלי.......................שבת קמ"ח
ירושלמי.....................סוכה י"ח
תוספתא............ראש השנה ב'
רמב"ם........................דעות א'

פרשת ואתחנן, שבת נחמו, י"א אב, אבות פרק ג', שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 45 (459)

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וְעָשִׂיתָ הַיָּשָׁר וְהַטּוֹב בְּעֵינֵי ה' לְמַעַן יִיטַב לָךְ

דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז וַוייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז וַוייל עֶר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דַן לְכַף חוֹב, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין אַרָאפְּקְלַאפְּן: אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד! פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין! אִיךְ בִּין דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט; אָבֶער אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין בֶּאֱמֶת גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן אִין דִי וֶועלְט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, אוּן זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא יט, יז): **לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ** – מֶען טָאר נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד אִין הַארְץ. אוּן דֶער זֶעלְבֶּער לַאו גֵייט אוֹיךְ אָן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אַז מֶען טָאר זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן! עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ זִיךְ אַרָאפְּצוּקְלַאפְּן אוּן זִיךְ דֶערְנִידֶערְן, פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן זָאגְן צוּ זִיךְ אַלֵיין: בִּיסְט טַאקֶע אַרָאפְּגֶעפַאלְן טַייעֶרֶער ..., אָבֶער עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט עֶק וֶועלְט, הֵייבּ זִיךְ צוּרִיק אוֹיף!

עֶס אִיז גֶעוֶועןְ אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען ר' מֹשֶׁה [עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן נַיין אוּן אַ הַאלְבּ יָאר], הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים: עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה פַאר דִי שְׁקִיעָה, דֶערְפַאר זַייעֶנְדִיג אִין וַוארְשָׁא וואוּ עֶס הָאבְּן נָאר גֶעווָאוֹינְט חֲסִידִים, וָואס זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דִי שְׁקִיעָה, הָאט עֶר גֶעזוּכְט אַ מִנְיָן וואוּ מֶען דַאוֶוענְט מִנְחָה פַאר דִי שְׁקִיעָה, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: דִי בְּרֶסְלֶב'עְרס זֶענֶען יָא מַקְפִּיד אוֹיף דִי שְׁקִיעָה, אוּן עֶר זָאל דָארְט אַהִינְגֵיין.

אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בְּרֶסְלֶבְ'ן שְׁטִיבְּל אַבִּיסְל פַארְ'ן דַאוֶוענֶען, הֶערְט עֶר וִוי אֵיינֶער זָאגְט פַאר זַיין חָבֵר – וָואס הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן – מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "מֹשֶׁה! בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז מֶען פַאלְט אוּן מֶען פַאלְט, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף! אוּן אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף!". עֶר זִיצְט זִיךְ אַזוֹי אִין דִי זַייט פַארְוואוּנְדֶערְט, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הֶערְט אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים! נָאכְדֶעם בַּיים דַאוֶוענֶען מִנְחָה הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי אַזוֹי מֶען דַאוֶוענְט מִיט אַזַא וַוארֶעמְקֵייט, כָאטְשִׁיג דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען פְּשׁוּטֶ'ע אִידְן, אַ פֶּעינְטֶער, אַ הֶענְדִימַאן, אַ שׁוּסְטֶער וְכוּ', הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ זִיכֶער אַנְטְדֶעקְט דִי פְּלַאץ פוּן דִי ל"ו צַדִיקִים'. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין דָא בְּלַייבְּן דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב'. צְווִישְׁן מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב הָאט מֶען פָארְגֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאט עֶר דֶעמָאלְטְס גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען הֶערְט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: **פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּתִיהָ** (תְּהִלִּים קלב, יד); אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין דָא!

אוּן אַזוֹי זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן אָן אַ שִׁיעוּר מְקוֹרָבִים, וַוייל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט וַוארְפְט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס קַיין מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אַרַיין, סְפֶּעצִיעֶל אַז עֶס קוּמֶען שְׁכֵנִים, אוּן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען הֶערְט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, זֶענֶען זֵיי מְקוֹרָב גֶעוָוארְן.

אִין אוּמַאן פְלֶעגְט מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶוענֶען וָותִיקִין, אוּן נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט מֶען פַארְשְׁפַּארְט דִי שׁוּל, זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אוֹיךְ גֶעוָואלְט מַאכְן אַ מִנְיָן אַכְט אַזֵייגֶער, אוּן מֶען הָאט דָאס נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט, אָבֶער רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ גֶע'עַקְשְׁנְ'ט, אַז מֶען זָאל דָאס בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט שְׁטֶערְן, נָאכְדֶעם הָאט מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְט זַיין אֱמֶתְ'ן אוּן הֵיילִיגְן קוּק, וַוייל דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען מִיט דִי שְׁפֶּעטֶערֶע מִנְיָן פוּן אַכְט אַזֵייגֶער, זֶענֶען צוּם סוֹף גֶעוָוארְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אָן קַיין גֶעפִיל

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ט) **אַז אַ אִיד** דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וֶוען עֶר הָאט אַ גֶעפִיל דֶערִין, אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קֶען נָאר רֶעדְן קַאלְטֶערְהֵייט. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אָן אַ גֶעפִיל, וֶועט זִיךְ סוֹף כָּל סוֹף עֶפֶענֶען זַיין הַארְץ אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר אוֹטָאמַאטִישׁ אוֹיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אָן קַיין גֶעפִיל.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְּבָרִים ג, כג) "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהוּא לֵאמֹר", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'" - אַ אִיד זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי עֶר הָאט אַ גֶעפִיל אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט. וַוייל "בָּעֵת הַהוּא לֵאמֹר" - עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אוּן דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן זִיךְ זָאגְן פוּן זַיין מוֹיל וִוי גֶעשְׁמִירְט, אוּן דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָדֶער בַּיים טוּן מִצְוֹת. אַ אִיד דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אֲפִילוּ וֶוען עֶר טוּט דָאס נָאר קַאלְטֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן אָן קַיין פַארְשְׁטַאנְד, אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת זֶעעֶן אוֹיס הַאלְבּ-גֶעבַּאקְן, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן קַיין גֶעשְׁמַאק, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע

<<<<<<

## א גוט ווארט

בְּנוֹגֵעַ דָאס וָואס דוּ וִוילְסְט אַבִּיסְל וַוארֶעמְקֵייט, אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט, אוּן דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ, דוּ מֵיינְסְט אַז דָאס אִיז אַ קִינְדֶערִישֶׁע זַאךְ; בֶּעט עֶס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט, עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט, עֶר זָאל דִיר גְלֶעטְן. וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַבִּיסְל נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע לִיבְּשַׁאפְט.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט אַז מֶען פְלֶעגְט הֶערְן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים זָאגְן תְּהִילִים מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, זֵיי פְלֶעגְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט דִי פְּסוּקֵי תְּהִילִים; אֵיינְמָאל הָאט מֶען גֶעהֶערְט רֶבִּי נָתָן'ס אַן אֵיינִיקְל רֶבִּי מִיכְלִיעֶ, וִוי עֶר זָאגְט תְּהִלִּים (לה, א): "לְדָוִד רִיבָה ה' אֶת יְרִיבַי", הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קְרִיג זִיךְ פַאר מִיר, נֶעם זִיךְ אָן פַאר מִיר, 'אֱמֹר לְנַפְשִׁי יְשֻׁעָתֵךְ אָנִי', זָאג מִיר - אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ דַארְף אַבִּיסְל וַוארֶעמְקֵייט, אַבִּיסֶעלֶע לִיבְּשַׁאפְט פוּן דִיר".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנָּן תשׁ"פ)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# שְׁטַארְק זִיךְ, וֶועסְטוּ טְרֶעפְן שְׁנֶעל דַיין רִיכְטִיגֶער שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, כ"ט תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מֵיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן; אֱמֶת, דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג אִין לֶעבְן נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעדַארְפְט גֶט'ן; דוּ הָאסְט דָאס גֶעטוּן עַל פִּי תּוֹרָה, מוֹהֲרָא"ש וָואלְט אוֹיךְ גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ גֶט. עֶס אִיז דִיר יֶעצְט בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר וָואס דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער, דָאךְ דַארְפְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דוּ דַארְפְסְט מְתַקֵּן זַיין וְכוּ' וְכוּ', וֶוער וֵוייסְט וָואס פַאר אַ גְזֵירוֹת עֶס אִיז נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף דִיר אוּן יֶעצְט קוּמְסְטוּ אָפּ מִיט דֶעם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר אוּן אִים דַאנְקֶען דֶערוֹיף; יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט, זוּךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטְס וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר. אִיךְ וֵוייס אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, דָאךְ דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה), דִי עֵצָה פוּן "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", דִי עֵצָה פוּן אוֹיפְזוּכְן גוּטְס אִין דִי צָרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".

דִי אַלֶע שִׁידוּכִים וָואס מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אוּן עֶס וֶוערְט נִישְׁט - דָאס אִיז אַלֶעס שִׁידוּכִים פַאר דִיר; יֶעדֶע שִׁידוּךְ וָואס מֶען רֶעדְט נָאר, מֶען טְרָאגְט עֶס אָן - אִיז אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ. עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס מֶען טְרֶעפְט זִיךְ, מֶען רֶעדְט אֵיינֶער מִיט'ן צְוֵוייטְן, עֶס זֶעט שׁוֹין אוֹיס וִוי עֶס גֵייט וֶוערְן אַ שִׁידוּךְ, לְמַעֲשֶׂה וֶוערְט נִישְׁט דֶער שִׁידוּךְ; זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ז) אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ, אוּן וֶוען דֶעם רֶבִּינ'ס וַוייבּ אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין רַאדְוִויל בְּעֶפָאר'ן אַ שִׁידוּךְ טוּן מִיט זַיין צְוֵוייטֶע וַוייבּ, זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ פְּרוּוִוען זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצה): "אַלֶע זֶענֶען מַיינֶע שִׁידוּכִים, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט כַּמָּה וְכַמָּה זִיווּגִים, בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט עֶס אַנְדֶערְשׁ", אַלֶע שִׁידוּכִים וָואס מֶען רֶעדְט אִיז שׁוֹין אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן אַ שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם): מֶענְטְשְׁן שְׁמוּעֶסְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ: "דֶער בָּחוּר וָואלְט גוּט גֶעוֶוען פַאר דִי מֵיידְל"; אֲפִילוּ וֶוען דֶער שִׁידוּךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן אוּן נִישְׁט עֶנְדִיגְן אִיז דָאס אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן אַ שִׁידוּךְ. "וְלִפְעָמִים נוֹסְעִים לַעֲשׂוֹת הַשִּׁדּוּךְ וּבְעֵת הַגְּמָר נִפְרָדִים מֵאֵיזֶה סִבָּה, וְלִפְעָמִים נִגְמָר הַשִּׁדּוּךְ וְאַחַר כָּךְ מַפְסִיקִים הַקֶּשֶׁר שֶׁל תְּנָאִים, וְלִפְעָמִים בָּאִין לִידֵי נִשּׂוּאִין וְאַחַר כָּךְ בְּסָמוּךְ נַעֲשֶׂה גֵּט בֵּינֵיהֶם. וְלִפְעָמִים אֵינוֹ נַעֲשֶׂה הַגֵּט עַד אַחַר אֵיזֶה זְמַן וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כַּמָּה בְּחִינוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּעִנְיְנֵי הַשִּׁדּוּכִים וְהַזִּוּוּגִים שֶׁאֵינָם נִגְמָרִים אַחַר כָּךְ, אֲבָל כֻּלָּם הֵם בְּחִינַת זִוּוּגִים שֶׁלּוֹ. כִּי כָּל אֶחָד יֵשׁ לוֹ כַּמָּה זִוּוּגִים, רַק שֶׁאֵצֶל זֶה נִגְמָר אֵיזֶה זִוּוּג שֶׁלּוֹ עַל יְדֵי אֵיזֶה דִּבּוּר בְּעָלְמָא שֶׁמְּדַבְּרִים מִזֶּה הַשִּׁדּוּךְ, וְלִפְעָמִים עַל יְדֵי אֵיזֶה דִּבּוּר יוֹתֵר אוֹ עַל יְדֵי אֵיזֶה הִתְקַשְּׁרוּת אוֹ נְסִיעָה אוֹ עֻבְדָּא בִּשְׁבִיל הַשִּׁדּוּךְ לְפִי שָׁעָה וְכוּ' כַּנַּ"ל"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר אַ בָּחוּר אוּן פַאר אַ מֵיידְל כְּדֵי זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ - אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט - אִיז דָאס אוֹיךְ עֶפֶּעס, וַוייל עֶס וֶוערְט גֶענְטֶער זֵייעֶר רִיכְטִיגֶער שִׁידוּךְ, עַיֵּין שָׁם.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

מַאךְ זִיךְ אַ צְדָקָה פוּשְׁקֶע וָואס דָארְט וֶועסְטוּ גֶעבְּן יֶעדְן טָאג צְדָקָה כְּמִנְיַן דִי תְּפִילָּה וָואס דוּ בֶּעטְסְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב', סִימָן יד): "יֵשׁ תְּפִלּוֹת שֶׁאֵינָם נִתְקַבְּלִים לְמַעְלָה אֶלָּא עַד שֶׁנּוֹתְנִים כָּל כָּךְ מָעוֹת לִצְדָקָה כְּפִי מִסְפַּר הָאוֹתִיּוֹת שֶׁל הַתְּפִלָּה הַשַּׁיָּךְ לְזֶה הַדָּבָר", עֶס אִיז דָא תְּפִלּוֹת וָואס וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל נָאר וֶוען מֶען גֶעבְּט פַאר צְדָקָה דִי סְכוּם פְּרוּטוֹת וִויפִיל דִי תְּפִלָּה בַּאטְרֶעפְט, "לְמָשָׁל, כְּשֶׁמִּתְפַּלֵּל אֵלּוּ הַתֵּבוֹת: 'תֶּן לִי בָנִים'", צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען מֶען בֶּעט תֶּן לִי בָנִים - גֶעבּ מִיר קִינְדֶער, "צָרִיךְ לִתֵּן צְדָקָה כְּמִסְפַּר אוֹתִיּוֹת תֶּן לִי בָנִים", דַארְף מֶען גֶעבְּן צְדָקָה וִויפִיל עֶס בַּאטְרֶעפְט דִי תְּפִלָּה פוּן תֶּן לִי בָנִים - גֶעבּ מִיר קִינְדֶער; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, זָאלְסְט מַאכְן אַ פּוּשְׁקֶע אוּן אַרַיינְלֵייגְן יֶעדְן טָאג פִינְף דָאלֶער מִיט צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג פְּרוּטוֹת בֶּעטְנְדִיג דֶערְבַּיי: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, תֶּן לִי זִיווּג, גֶעבּ מִיר מַיין פָּאר"; דִי גֶעלְט זָאלְסְטוּ מִיר בְּרֶענְגֶען, אִיךְ וֶועל דְרוּקְן דֶערְמִיט דֶעם רֶבִּינ'ס סְפָרִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת דְּבָרִים תש"פ)

>>>>>>

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין יֶעדְן אִיד, אוּן טְרֶעפְן דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): כָּאטְשִׁיג עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר אַ אַ צְוֵוייטְן, דָאךְ אִיז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעמַאכְט פַאר דֶעם, וַוייל מוּסָר קֶען מֶען נָאר זָאגְן אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאס גֶעזָאגְט, וָואס מִיר גֶעפוּנֶען אַז גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ בִּיטֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט'ן מַאכְן דֶעם עֵגֶל רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען מִיט דִי לוּחוֹת דָאס צוּ גֶעבְּן פַאר דִי אִידְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וָואס דִי אִידְן הָאבְּן נֶעבֶּעךְ אָנְגֶעמַאכְט, וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעדַארְפְט גְלַייךְ מַאכְן אַ גֶעוַואלְד אוּן פַארְפִירְן: וָואס הָאט אִיר דָא גֶעטוּן?! בִּיז דֶערְוַוייל הָאט עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעזָאגְט: דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז נָאךְ אַלְץ לִיבּ! אוּן אַזוֹי אַרוּם הָאט יֶעדֶער גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן (שַׁבָּת פט). וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ טְרֶעפְן דִי גוּטְס בַּיי אַ מֶענְטְשׁ, אוּן נִישְׁט טְרֶעפְן נָאר דִי עֲבֵירוֹת.

(קוּנְטְרֵס קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ)

>>>>>>

קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן פַאר אִים.

וֶוען אַ אִיד דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גֶעפִיל, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דִי מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵּים, אִיז דָאס נָאךְ אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל עֶס קוּמְט אִים אָן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער דָאס צוּ טוּן וִוי פַאר אֵיינֶעם וָואס שְׁפִּירְט יָא אַ גֶעשְׁמַאק דֶערִין. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם. אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַז דֶער אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אוּן דִינְט אִים וִויפִיל עֶר קֶען, וֶועט עֶר אִים זִיכֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל יָא בַּאקוּמֶען דֶעם גוּטְן טַעַם אוּן קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵימוּת מִיט אַ חִיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה ו':) "אִם יֹאמַר לְךָ אָדָם יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי, תַּאֲמִין - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַאן זָאלְסְטוּ אִים גְלֵייבְּן". שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, אוֹיבּ הָאט יֶענֶער טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, דַארְף מֶען נִישְׁט בְּלוֹיז גְלֵייבְּן, מֶען קֶען דָאךְ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. גְלֵייבְּן דַארְף מֶען נָאר אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּירוֹת הֲלָכָה ה') אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיוּת, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט דַארְף מֶען יָא גְלֵייבְּן, נִישְׁט אֵייבִּיג זֶעט מֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן דִי הַצְלָחָה, אַמָאל אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְּלָאגְט זִיךְ אוּן מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין. דַארְף מֶען אָבֶּער גְלֵייבְּן אַז עֶר הָאט זִיכֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל דָאס אַלֵיין אַז עֶר פְּלָאגְט זִיךְ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, וֵוייסְט עֶר אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה, אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וִויל זַיין ווָאוּיל, וֶוערְט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אוּן אַזוֹי זַאמְלְט זִיךְ אָן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן דִי סַבְלָנוּת אוּן אוֹיסְוַוארְטְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען זַיין הַצְלָחָה מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אָפֶּענֶערְהֵייט.

### מֶען לֵייגְט צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער"

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הרה"ק רֶבִּי דָוִד מֹשֶׁה מִטְשׁוּרְטְקוֹב זי"ע אוּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז לֶעצְטְנְס הָאט זַיין שְׁוֶוער אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶונֶען, עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט אִין שׁוּל אוּן עֶר דַאוֶונְט מֶער נִישְׁט. אוּן אַזוֹי וִוי דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין שְׁוֶוער גֵייט אַסַאךְ צוּ דֶעם צַדִּיק, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִּיק אוֹיבּ עֶר קֶען רֶעדְן מִיט זַיין שְׁוֶוער, אוּן זֶען אַז עֶר זָאל זִיךְ פַארֶעכְטְן אוּן צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאוֶונֶען.

דֶער צַדִּיק הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן דֶעם שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶונֶען. הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אֱמֶת, אוּן דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶונֶען קוּמֶען אִים אַרַיין אִין קָאפּ אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן וִויפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ אָפְּצוּשָׁאקְלֶען דֶערְפוּן אִיז עֶס אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּ דַאוֶונֶען בִּכְלַל אוּן פָּטוּר אַן עֵסֶק. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן אַזַא צוּהַאקְטֶע אוּן נַארִישֶׁע דַאוֶונֶען מִיט יֶענְץ פָּנִים, וֶועט עֶר עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶונֶען.

דֶער צַדִּיק הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אַז עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג "אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט דַאוֶונֶען וֶועט זִיכֶער גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן דַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶונֶען אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס זֶעט אוֹיס, וֶועלְן אָבֶּער מִיט דִי צַייט זִיךְ צַאמְקוּמֶען דִי אַלֶע יְגִיעוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ

<<<<<<

>>>>>>

גֶעפְּלָאגְט צוּ דַאוֶוענֶען, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז דַיין דַאוֶוענֶען וֶועט יָא הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים".

אוּן עֶר הָאט דָאס אִים שֵׁיין אַרַיין גֶעטַייטְשְׁט אִין פָּסוּק. דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פז, ו) "ה' יִסְפֹּר בִּכְתוֹב עַמִּים", הָאט דֶער צַדִּיק גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי פֶעלְקֶער שְׁרַייבְּן". וֶוען דִי אִידְן שְׁרַייבְּן נוּמֶערְן שְׁרַייבְּט מֶען "אֵיינְס", "צֶען" "הוּנְדֶערְט" א.א.וו. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, שְׁרַייבְּט מֶען אוֹיךְ דִי נוּמֶערְן מִיט וֶוערְטֶער, "אֶחָד", "עֲשָׂרָה", "מֵאָה" א.א.וו. ווִידֶער בַּיי דִי גוֹיִם הָאבְּן זֵיי דִי נוּמֶערְן וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן צ.ב.ש. "1", "10", "100". אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט דִי נוּמֶערְן לוֹיט וִוי דִי גוֹיִם צֵיילְן עֶס.

אוּן דֶער צַדִּיק הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט אַזַא צוּהַאקְטֶע דַאוֶוענֶען, וִויפִיל דוּ פְּרוּבִּירְסְט זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, גֵייט עֶס נִישְׁט. דוּ פִילְסְט מַמָשׁ אַז דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אִיז נָאר אַ "זִירָאוֹ", עֶס אִיז מַמָשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אָבֶּער אַ "זִירָאוֹ" אִיז דָאךְ עֶס יָא. אוּן אַזוֹי קְלוֹיבְּט זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ "זִירָאוֹ'ס" בִּיז עֶס קוּמְט אֵיין טָאג אוּן דָאס הַארְץ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן לֵייגְט מֶען צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער", מֶען לֵייגְט צוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער אֶחָד יָחִיד וּמְיוּחָד, אוּן וֶוען מֶען לֵייגְט צוּ אַן "אֵיינְסֶער" צוּ זֶעקְס "זִירָאוֹ'ס" הָאסְטוּ שׁוֹין אַ מִילְיָאן! אוּן וִוי מֶער "זִירָאוֹ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן אַ גוּטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נָאר אַ "זִירָאוֹ", אוֹיבּ אִיז אָבֶּער דֶער "אֵיינְסֶער" אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוֹיבּ הָאט מֶען דֶעם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט זִיךְ, דַאן וִוי מֶער "זִירָאוֹ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, אַלְץ גְרֶעסֶער וֶוערְן דִי נוּמֶערְן.

מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער צַדִּיק זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַז אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט, זָאל עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּן וָואס אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען נָאר, אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ, אוּן עֶר פְּלָאגְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט דֶעם גֶעשְׁמַאק, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פוּן אִים, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ יְגִיעוֹת)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי מִיט ר' יִצְחָק וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט אוּן גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם אַרַאבִּישְׁן מִילִיטֶערִישְׁן שִׁיף דוּרְךְ דִי אִידְן פוּן שְׁטָאט רַאדִישׁ. נָאךְ פֶּסַח לָאזְן זֵיי זִיךְ אַרוֹיס מִיט אַ שִׁיף קַיין אִיסְטַאנְבּוּל.**

### שז

אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין אִיסְטַאנְבּוּל הָאבְּן זֵיי שׁוֹין ווִידֶער גֶעהַאט יִסוּרִים אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ סַכָּנָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט גֶעווִיזְן זֵייעֶרֶע פַּאסְפָּארְטְן אוֹיפְ'ן וֶועג אַהִין, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען זֵיי יֶעצְט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרִיבֶּערְלָאזְן. מְ'הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף זֵיי אַ פַארְלַאנְג פַאר אַ רִיזְן סוּמֶע גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאקוּמֶען פַּאסְפָּארְטְן פוּנֶעם טֶערְקִישְׁן סוּלְטַאן, דִי סוּמֶע אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיס, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט עֶס צוּ צָאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן גֶעשִׁיקְט עֶפֶּעס אַ מֶענְטְשׁ וֶועמֶען זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט, אוּן יֶענֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גֶעווִיסֶער אַרַאבִּישֶׁער מִינִיסְטֶער אוּן אִים אוּנְטֶערְגֶעקוֹיפְט. זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט ווִיפִיל יֶענֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אָבֶּער בַּאקוּמֶען אַ צֶעטְל פוּנֶעם מִינִיסְטֶער אַז מְ'זָאל זֵיי גֶעבְּן רְשׁוּת אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין טוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זֵיי אָנְגֶעוָוארְנְט זֵייעֶר שְׁטַארְק זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן פַאר זֵיי, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן בְּשָׁלוֹם.

### שח

אִין אִיסְטַאנְבּוּל הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן פַאר צֶען טֶעג.

### שט

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעדִינְגֶען אַ שִׁיף צוּ פָארְן פוּן אִיסְטַאנְבּוּל קַיין גַאלַאץ [גַאלִיטִי, הַיינְט אִין רָאמֶענְיֶע].

### שי

אִינְמִיטְן וֶועג זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַן אִינְזְל מִיטְ'ן נָאמֶען "דִי שְׁלַאנְגֶען אִינְזְל" [פִּידְרוֹנִיסִי בְּלַע"ז], דָארְט הָאט מֶען זֵיי אַרֶעסְטִירְט אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין טוּרְמֶע, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֶעבְּן פִיר גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען מֵיין וַוייבּ פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע?



*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וָואס מֶען טוּט וֶוען דִי וַוייבּ פַאלְט אַרַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע שְׁטִימוּנְג, וֶוען זִי וֶוערְט טְרוֹיעֶרִיג אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן?

אִיךְ וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּן אִיךְ בִּין בְּדֶרֶךְ כְּלַל נִישְׁט בֵּייז, אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן מַאכְן פְרֵיילִיךְ? אִיךְ פְּרוּבִּיר אַסַאךְ זַאכְן אוּן עֶס גֵייט מִיר גָארְנִישְׁט, וָואס טוּט מֶען?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ב' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אִין שְׁטוּבּ אוֹיף דַיין וַוייבּ, דוּ פְּרוּבִּירְסְט מִיט אַלֶע וֶועגְן אִיר פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה - בַּעֲלָהּ מְשַׂמְחָהּ", דֶער מַאן הָאט אַ מִצְוָה פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן זַיין וַוייבּ.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ אוּן הַאלְטְן טֵייעֶר דִי וַוייבּ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם", דִי פְרוֹיעֶן לַיידְן גָאר אַסַאךְ צַעַר אוּן וֵוייטָאג פוּן דִי קִינְדֶער, "צַעַר הָעִבּוּר", זֵיי לַיידְן בְּשַׁעַתְ'ן טְרָאגְן, "וְהַלֵּדָה", נָאכְדֶעם דִי צַעַר פוּן גֶעבּוֹירְן, "וְהַגִּדּוּל", אוּן צַעַר פוּן אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, "כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסוּרֵיהֶם", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז פַאר יֶעדְן בַּאקַאנְט וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי זַאכְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם, סִימָן רסג) עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט בַּיי אִינְגֶעלַייט אַז זֵיי צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל עֶנְדִיגְט זִיךְ דָאס מִיט אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שֶׁזֶּה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דָאס אִיז מַעֲשֵׂה שָׂטָן, דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, דֶער יֵצֶר הָרַע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין זַיין נֶעץ הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דַיין וַוייבּ; עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ, אָבֶּער דָאס אִיז דִי יְסוֹד פוּן קְדוּשָׁה. וַוייל וֶוען עֶס אִיז דָא שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ - דֶעמָאלְט הֶערְשְׁט אַ הֵיילִיגְקֵייט, מֶען הָאט אַ רֵיינֶע מֹחַ - מַחְשָׁבָה, מֶען זוּכְט נִישְׁט פְרֶעמְדֶע זַאכְן, מֶען אִיז צוּפְרִידְן מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן.

זֶע צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; אַ פְרוֹי הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ זֶען אִיר מַאן לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, זִי הֵייבְּט אָן קוּקְן אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אִים, זִי הֵייבְּט אִים אָן הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן וֵוייךְ אוּן שֵׁיין; צוּ אַ פְרוֹי דַארְף מֶען רֶעדְן וֵוייכֶע רֵייד, פוּטֶער וֶוערְטֶער. לֶערְן זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֵייסְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ רֶעדְן צוּ דִי אִידְן, זֵיי גֶעבְּן דִי תּוֹרָה - הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל רֶעדְן וֵוייכֶע רֵייד צוּ דִי פְרוֹיעֶן (שְׁמוֹת יט, ג). בַּאנוּץ זִיךְ נִישְׁט מִיט שַׁארְפֶע וֶוערְטֶער: "נוּ, קוּמְסְט שׁוֹין?" אָדֶער: "בִּיסְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט גְרֵייט?!" זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ אִיר, וֶועט זִי נִישְׁט אַרַיין פַאלְן אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת דְבָרִים תש"פ)

BreslevCenter.com\answers

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3**



>>>>>>

פַאר יֶעדְן מֶענְטְש, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעקֶענְט צוּרִיק גֵיין צוּם שִׁיף, אוּן דָארְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין גֶעפָארְן בְּשָׁלוֹם בִּיז׳ן שְׁטָאט גַאלַאץ.

פוּן דָארְט אוּן וַוייטֶער אִיז דִי וֶועג אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אָן קַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע שְׁוֶועריִקייטְן, נָאר עֶטְלִיכֶע מָאל הָאט דֶער יַם גֶעשְׁטוּרֶעמְט. אוֹיפְ׳ן וֶועג אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן נֶעבְּן זֵיי אַ שִׁיף פוּל מִיט גְרֶעקֶן וָואס הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אוּן אַיינְגֶעזִינְקֶען, נָאר אַ קְלֵיינֶע צָאל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט פוּן יֶענֶעם שִׁיף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן אַז זֵיי זֶענֶען וַוייטֶער גֶעפָארְן אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אוּן אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם קַיין גַאלַאץ.

**שיא**

אוּם פְרַייטָאג, ד׳ סִיוָן, [עֶרֶב שָׁבוּעוֹת אִיז דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ], אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין גַאלַאץ, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעוֶוען אוֹיפְ׳ן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע״י כ״ק מוהרא״ש זי״ע**

## רעגיסטראציע שנת תשפ״א

אזוי ווי מיר זענען יעצט מסדר די קלאסן פון די חדר און סקול פאר די קומענדיגע יאר, סיי אין וויליאמסבורג און סיי אין קרית ברסלב, ווילן מיר מעלדן פאר אלע עלטערן פון אונזערע מוסדות סיי פון שטאט און סיי די וואס ציען זיך ארויס, אז די אלע וועלכע ווילן שיקן קינדער אין די מוסדות די קומענדיגע יאר תשפ״א לפ״ק, דארפן איינשרייבן די קינדער בעפאר חמשה עשר באב.

די מוסדות האבן זיך ב״ה זייער צעוואקסן, און מיר וועלן נישט קענען האבן א פלאץ פאר אייער קינד, אויב איז דאס קינד נישט איינגעשריבן באצייטנס.

נעמט עס נישט פאר לייכט, אלע עלטערן אן אויסנאם זאלן שוין אריינרופן אין אפיס מיט די פלענער פאר׳ן קומענדיגן יאר.

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע**


## אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך**

**~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~**

**אייער פריינד**

**אלי קנאלל**

Plan it Rite

**718-506-4341** Travel the right way


הפצת הגליון נתנדב
לע״נ ר׳ **צבי** ב״ר **משה** ע״ה
נלב״ע י״ט מנחם אב תשע״ז
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## העפטיגע צוגרייטונגען צום גרויסארטיגן מעמד "ש"ס איד"




גאר העפטיגע צוגרייטונגען קומען פאר די טעג צום בעפארשטייענדן גרויסארטיגן מעמד "ש"ס איד", וואס וועט אי"ה פארקומען דעם קומענדיגן זונטאג פרשת ראה, י"ט אב, ביים סיום מסכת שבת פונעם דף הקהלה, ווען אנשי שלומינו וועלן זיך צוזאמקומען אינאיינעם זיך צו שטארקן צו זיין א "ש"ס איד". אפילו די וואס זענען פאריאגט און פארפלאגט מיט'ן אהיימברענגען פרנסה אין שטוב, מאכן אבער זיכער אז עס זאל נישט דורכגיין קיין איין טאג אין לעבן אן לערנען א בלאט גמרא.

גאר א הערליכער פראגראם ווערט צוגעגרייט פאר מענער פרויען און קינדער, אז יעדער זאל הנאה האבן און שעפן פרישע כוחות פון דעם גרויסן מעמד.

דער ריזיגער זאל ווערט יעצט אויסגעארבעט אז ס'זאל קענען אריינעמען דעם ריזן ציבור וואס איז ערווארטעט, אויף א באקוועמען פארנעם, אז יעדער זאל קענען הערן און זען און מיטהאלטן דעם געשמאקן מעמד.

א רייכע סעודה וועט סערווירט ווערן, די נייע אויפגעכאפטע טאלאנטפולע זינגערס פון די "הלווים" קווייער וועלן מהנה זיין דעם עולם, באגלייט מיט פראפעסיאנאלע מוזיק. חשובע בעלי דרשנים וועלן האלטן דעם עולם געשפאנט. דער ראש ישיבה שליט"א וועט מסיים זיין מסכת שבת אנהויבן מסכת עירובין, און וועט זאגן דברות קודש.

אזוי ווי ס'איז נישטא קיין פארקינג ביים זאל, וועט זיין צוגעשטעלט א גרויסער פארקינג לאט נישט ווייט פון זאל, פון וואו באסעס וועלן כסדר טראגן און ברענגען דעם עולם צום זאל.

די טיקעטס לויפן אויס זייער שנעל, קיינער וויל נישט ארויספאלן פונעם געהויבענעם מעמד. מאכט זיכער צו קויפן אייערע טיקעטס ווי שנעלער. ביים טיר וועט מען נישט פארקויפן קיין טיקעטס.

מ'קען קויפן טיקעטס אין אלע געגנטער; ברסלב 347-585-8169, וויליאמסבורג 347-404-8738, בארא פארק 718-506-4341, מאנסי 347-374-1386, קרית יואל 845-467-5299, סטעטן איילענד 347-831-4561, דזשערסי סיטי 347-585-3187, לעיקוואוד 845-608-7775. אדער קען מען רופן "קול ברסלב" און דריקן נומער 8.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

***

## אידן זענען ווייטער מתפלל צו זיין ראש השנה אין אומאן

אידישע קינדער זענען ווייטער מתפלל אז מ'זאל זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אזוי ווי דער רבי האט געבעטן און פארלאנגט פון אלע זיינע תלמידים, און זוכה זיין דורך דעם צו א גוט געבענטשט יאר מיט אלע ברכות און ישועות.

די אוקריינע רעגירונג וועט אי"ה לאזן יעדן קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, מיט פארשידענע באגרעניצונגען צוריק צו האלטן די פארשפרייטונג פון די ווירוס, ווי געמאלדן די פארגאנגענע וואך.

אידישע קינדער ווייסן אז קיין שום זאך אויף דער וועלט קען מען נישט באקומען אן תפלה, און זיכער נישט אזוי גרויסע זאך ווי צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, וואס דער רבי האט זיך אויסגעדריקט אויף דעם, "וואס זאל איך אייך זאגן? קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאן!"

דערפאר זענען אידן ממשיך מתפלל צו זיין אז מ'זאל זוכה זיין אין אומאן אויף ראש השנה, אן קיין שום שוועריקייטן, און אויס'פועל'ן אלע גוטע ישועות פאר'ן גאנצן יאר.

**וכל באי עולם עוברין לפניך כבני מרון!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **הערשי שניצלער** הי"ו

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען פיל אידיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער געזונטערהייט

## ווי אזוי געבט מען זיך אן עצה מיט די קינדער?

**הערליכע שיעורים אין חינוך, חיזוק און עצות ווי אזוי זיך אפצוגעבן מיט קינדער.**

הערט ביי די "חינוך אפטיילונג":

קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 2, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעצעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**